# Torah Learning Must Remain Apolitical

*Igros Kodesh Vol. 10 pp 48*

**LETTER #7: MOTAZEI SHABBOS, 16 ADAR II - MARCH 19**

## ג׳יב

*This letter was addressed to Mr. Mordechai Ritch of Melbourne.*

By the grace of G-d
11 Mar-Cheshvan, 5715
Brooklyn

Greetings and Blessings,

I received your—undated—letter, and I was pleased to read how you are investing energy in the initiatives of *Yeshivas Oholei Yosef Yitzchak* in Melbourne. I hope that this investment and necessary effort will bring Hashem's *Brachos* and success. If at all times and in all places it was necessary to have a center for Torah learning associated with *Yiras Shamayim*, how much more so now, in our times and in a place where the Jewish community is beginning to grow, must we invest the greatest energies and properly

ב״ה, י״א מַרְחֶשְׁוָן, תשט״ו
בְּרוּקְלִין.

הַוָּתִיק וְחָסִיד אִישׁ יְרֵא אֱלֹקִים נִכְבָּד וְנַעֲלֶה עוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִבּוּר מוה״ר מָרְדְּכַי שֶׁיִּחְיֶה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה!

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַייְעֶר בְּרִיף - אָן דַאטוּם פוּן שְׁרַייְבֶּען - אוּן אִיךְ בִּין גֶעוועֶן צוּפְרִידֶען לֵייעֶנֶען אִין עֶם אַז אִיר הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ בַּאטֵיילִיגֶען עֶנֶערְגִישׁ אִין דִי עִנְיָנִים פוּן יְשִׁיבַת אָהֳלֵי יוֹסֵף יִצְחָק לִיוּבַּאוִויטשׁ אִין מֶעלְבּוּרְן, אוּן הָאפֶּענְטְלִיךְ אַז דָאס טָאן עֶנֶערְגִישׁ אוּן דִי נוֹיטִיגֶע הִשְׁתַּדְּלוּת וועֶט בְּרֵיינְגֶען דִי בְּרָכָה פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אוּן הַצְלָחָה, אוּן אוֹיבּ אִין אַלֶע צַייְטֶען אוּן אִין אַלֶע עֶרְטֶער הָאט מֶען גֶעמוּזְט הָאבֶּען אַ תּוֹרָה צֶענְטֶער פוּן תּוֹרָה ווֶעלְכֶע אִיז פַארְבּוּנְדֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אִין אוּנְזֶער צַייְט אוּן אִין אַזַא אָרְט וואוּ דֶער

engrave into our minds and hearts the saying of our Sages, “whoever saves one Jewish soul is considered to have saved an entire world.”

In the past, *Cheder* and *Yeshiva* served to save a child from becoming an unlearned person, making him into a learned person and in many instances, a real scholar. However, in our times, we unfortunately must contemplate saving children from leaving Judaism altogether. We cannot rely on one's environment, etc. Rather, we must build fortresses for them, a *Cheder*, a *Yeshiva*, which will guarantee that they will stay with Judaism; elaboration on this is extraneous.

To your question as to in which direction should the finance committee—set up to support and expand the Yeshiva—be influenced to direct their actions: This depends on the character and abilities of every member individually; therefore, it is difficult to respond to this with a general answer. But you should be sure to restrain yourself from giving the *Yeshiva* a political stance or a partisan character because Torah learning is not associated with politics or partisanship. This

אִידִישֶׁער יִשׁוּב הוֹיבְּט אָן צוּ וַואקְסֶען מוּז מֶען לֵייגֶען אוֹיף דֶעם דִי גְרֶעסְטֶע כֹּחוֹת אוּן אַיינְקְרִיצֶען גוּט אִין קָאפּ אוּן הַארְץ דֶעם מַאֲמַר רַזַ"ל כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ קִיֵּם עוֹלָם מָלֵא.

אַמָאל אִיז אַ חֵדֶר אוּן יְשִׁיבָה פַאר אַ קִינְד, הָאט דָאס עֶם אָפְּגֶעראַטֶעוֶועט פוּן צוּ זַיין אַ עַם הָאָרֶץ, אוּן הָאט עֶם גֶעמַאכְט פַאר [אַ] יוֹדֵעַ סֵפֶר אוּן אַ גְרוֹיסֶע טֵייל פוּן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ פַאר לוֹמְדִים, אָבֶער אִין אוּנְזֶער צַייט לַיידֶער, דַארְפְמֶען טְרַאכְטֶען וֶועגְן אָפְּרַאטֶעוֶוען קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלֶען בְּלַייבֶּען אִידֶען, אוּן אִין דֶעם קֶען מֶען זִיךְ נִיט פַארְלָאזֶען אוֹיף דֶער סְבִיבָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. נָאר מֶען מוּז בּוֹיעֶן פַאר זֵיי פֶעסְטוּנְגֶען, אַ חֵדֶר, אַ יְשִׁיבָה, וֶועלְכֶע גִיבֶּען דִי גַארַאנְטִיֶע אַז זֵיי זָאלֶען בְּלַייבֶּען אִידְן, אוּן דִי אֲרִיכוּת אִין דֶעם אִיז גֶעווִיס אִיבֶּעריג.

אִין אַייעֶר פְרַאגֶע פוּן וֶועלְכֶען שִׁיכְט צוּ צִיעֶן אִין דֶער פִינַאנְס קָאמִיטֶע וֶועלְכֶע וֶוערְט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף צוּ אוֹיסְהַאלְטֶען אוּן אוֹיסְבְּרֵייטֶערֶען דִי יְשִׁיבָה, וֶוענְדֶעט זִיךְ דָאס אָן דֶעם חַארַאקְטֶער אוּן פֶעהִיגְקַייט פוּן יֶעדֶער בַּאטְרֶעפֶענְדֶען בַּאזוּנְדֶער אוּן דֶערִיבֶּער אִיז שְׁוֶוער צוּ גֶעבֶּען אַ עֶנְטְפֶער אוֹיף דֶעם, אַ אַלְגֶעמֵיינֶעם עֶנְטְפֶער, אָבֶער וָואס מֶען דַארְף אִיז, אוֹיסְהִיטֶען זִיךְ פוּן צוּ גֶעבֶּען דֶער יְשִׁיבָה אַ פָּאלִיטִישֶׁע פַּארְבּ אָדֶער אַ פַּארְטֵייאִישֶׁען חַארַאקְטֶער, ווַיילֶע דָאס לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז נִיט פַארְבּוּנְדֶען מִיט פָּאלִיטִיק אוּן פַּארְטֵיי, וָואס דָאס

was one of the foundations for the success of *Lubavitch* organizations, being apolitical. When we think deeply about the fact that Torah was given equally to six hundred thousand Jews, from the greatest to the simplest, and how we all heard the commandments as one, “I am Hashem your G-d,” “Remember the day of Shabbos,” and “Do not covet,” we realize this concept, Torah is for every Jew. “I am Hashem your G-d” must not only lead to “Remember the day of Shabbos,” but also to “Do not Covet.” Likewise, we cannot observe “Do not covet” if we have not established “I am Hashem your G-d” and if we have not invested all of our energies to follow “Remember the day of Shabbos.” Therefore, we are required to not introduce trivial matters which sometimes frighten people away, whether they are particular parties or politics, losing the opportunity to be connected with the Living Torah and its *Mitzvos*.

You certainly remember our conversation, and I hope it is unnecessary to continue requesting of you to toil in the matters of the *Yeshiva Oholei Yosef Yitzchak* according to your abilities, utilizing your influence to the fullest degree. Only

אִיז גֶעוועֶן אֵיינֶע פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דֶער הַצְלָחָה פוּן לִיוּבַּאווִיטשֶער מוֹסְדוֹת, וואָס זֵיי זַיְינֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעווען אִיבֶּערְפַּארְטֵייאִישׁ, אוּן ווֶען מֶען טְרַאכְט זִיךְ אַרַיְין אִין דֶעם טִיפֶען זִין פוּן דֶעם, אַז דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבֶּען גֶעוואָרֶען אֵיינְצַיְיטִיג צוּ אַלֶע שִׁשִּׁים רִבּוֹא אִידֶען, פוּן דֶעם גָדוֹל שֶׁבִּגְדוֹלִים בִּיז דֶעם קָטָן שֶׁבִּקְטַנִּים אוּן ווִי אַלֶע הָאבֶּען אֵיינְצַיְיטִיג גֶעהֶערְט דִי דִבְּרוֹת, אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ, זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת, וְלֹא תַחְמוֹד, בַּאגְרַיְיפְט מֶען דֶעם עִנְיָן, אַז תּוֹרָה אִיז פַאר אַלֶע אִידֶען, אַז פוּן אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ מוּז מֶען צוּקוּמֶען נִיט נָאר צוּ זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת נָאר אוֹיךְ צוּ לֹא תַחְמוֹד, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ נִיט אוֹיסְהִיטֶען פוּן לֹא תַחְמוֹד אוֹיבּ עֶס אִיז נִיט בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אוּן אוֹיבּ מֶען לֵייגְט נִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ אוֹיסְפָאלְגֶען דֶעם זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְמֶען דָא נִיט אַרַיְינְמִישֶׁען קֵיין זַיְיטִיגֶע עִנְיָנִים, וואָס אַמָאל שְׁרֶעקְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם זַיְיטִיגֶען עִנְיָן, צִי דָאס אִיז פַּארְטֵיי אָדֶער פָּאלִיטִיק, אוּן מֶען פַארְלִירְט דוּרְךְ דֶעם דִי גֶעלֶעגֶענְהַיְיט צוּ פַארְבִּינְדֶען זִיךְ מִיט דֶער תּוֹרַת חַיִּים וּמִצְוֹתֶיהָ.

גֶעווִיס גֶעדֵיינְקְט אִיר אוּנְזֶער גֶעשְׁפְּרֶעךְ, אוּן אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז אִיבֶּערִיג צוּ ווִידֶערְהַאלֶען בֶּעטֶען אוּן עֶרְוועֶקֶען אַיְיךְ אוֹיף צוּ טָאן אִין דִי עִנְיָנִים פוּן דֶער יְשִׁיבָה אָהֳלֵי יוֹסֵף יִצְחָק לוֹיט אַיְיעֶרֶע אַלֶע מֶעגְלִיכְקַיְיטֶען אוּן אוֹיסְנִיצֶען אַיְיעֶר הַשְׁפָּעָה דָאס

in accordance with the saying of our Sages that we encourage the already alacritous, I would like to once again inspire you about this, in order that it become a part of your activities.

With blessing for success in all of the above and in all of your personal matters; I await good news.

מַאקְסִימוּם אִין דֶעם, אוּן נָאר לוֹיטְן מַאֲמַר רַזַ"ל אֵין מְזָרְזִין אֶלָּא לִמְזוֹרָזִין, ווִיל אִיךְ נָאךְ אַמָאל מְעוֹרֵר זַיְין אַיְיךְ אִין דֶעם, כְּדֵי עֶס זָאל צוּקוּמֶען אִין אַיְיעֶר אַרְבֶּעט.

בְּבִרְכַּת הַצְלָחָה בְּכָל הַנַ"ל אוּן אִין אַיְיעֶרֶע עִנְיָנִים הַפְּרָטִים הַמְחַכֶּה לִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת.

*My personal takeaway* ______________________________

______________________________________________________

______________________________________________________

______________________________________________________

______________________________________________________

______________________________________________________

______________________________________________________

______________________________________________________